קאר פראָבלעמען:
איר זוכט אַ גוטן מעכאַניק!
רופט אָדער קומט צו
משה שלמוני
McDonald cor. Ave. C
Brooklyn, N.Y.
(718) 438-3086 (718) 438-8038
● שומר שבת ● גוטן אינשטאַנד ●

Algemeiner Journal
דער
A NATIONAL JEWISH JOURNAL

# אלגעמיינער זשורנאל

75¢

המחיר
3 ש"ח

COPYRIGHT © ALGEMEINER JOURNAL PUBLISHED WEEKLY

SECOND CLASS POSTAGE PAID AT NEW YORK, N. Y.

404 PARK AVENUE SOUTH, NEW YORK, N. Y. 10016 TEL.: (212) 689-3390

Vol. XVIII No. 888 | פרייז 75 סענט | FRIDAY JANUARY 13, 1989 | ב"ה, יום ו', ז' שבט, תשמ"ט | פרייטאָג, יאנואר 13, 1989

**לוח פאַר דער וואָך**

ב"ה, יום ו', ז' שבט, תשמ"ט
סוף זמן קריאת שמע — 9:42
ליכט בענטשן — 4:33: שקיעת החמה — 4:51
שבת פרשת בא. הפטורה: הדבר אשר דבר (ירמי' מו)
מוצאי שבת קודש — 5:40
דף היומי: בבלי מנחות מג; ירושלמי כלאים ד. משנה יומית:
יומא ח, ב-ג. הלכה יומית: או"ח תרכז-תרכח, ד-ב.
רמב"ם יומי (נ"ע) הל' תפלה וברכת כהנים פרק יד-טו. הל' תפילין מזוזה וס"ת פרק א.

# סאטמארער חסידים זענען אויפגערעגט נאך דעם ווי א גרופע בחורים האבן צעשלאגן ראש ישיבה אין קרית יואל

**זפעציעל צום 'אלגעמיינעם זשורנאל'**

פון סאַטמאַרער קרייזן ווערט באַריכטעט, אַז עס הערשט אַ שטאַרקע אויפרעגונג צווישן דעם סאַטמאַרער עולם אין וויליאַמסבורג און אין קרית יואל, מאָנראָו, נאָך דעם ווי אַ גרופע ישיבה־בחורים פון דער סאַטמאַרער ישיבה אין קרית יואל האָבן זיך אַריינגעבראָכן אין דער ישיבה פון הרב משה מרדכי פרידמאַן און אים שטאַרק צעשלאָגן. הרב פרידמאַן איז דער אידעם פון הרב ר' יצחק שוואַרץ, אַ געוועזענער בן־בית פון פריערדיקן סאַטמאַרער רבי'ן זצ"ל. ווי עס ווערט איבערגעגעבן זיינען צווישן די שלעגער פון ר' משה מרדכי פרידמאַן געווען די בחורים סיני טייטעלבוים, מיכל ווייגאַרטן, אברהם משה לעבאָוויטש און אַנדערע בחורים. מענטשן, וואָס זיינען געווען אַנוועזנד בעת דער שלעגעריי האָבן דערציילט, אַז די שלעגער האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף דעם ראש ישיבה ווען זיי האָבן אים באַפוילן צו זאָגן ווידוי. דער געשלעג איז פאָרגעקומען אין בית מדרש פון יפו'ער רב אין מאָנראָו. הרב פרידמאַנ'ען האָט מען אָפגעפירט אין שפּיטאָל, און איצט ווילן אַ גרופע סאַטמאַרער חסידים אָנקלאָגן די שלעגער אין דער פּאָליציי און גיין אין געריכט, כדי צו מאַכן אַ סוף צו די פיזישע אַטאַקעס.

דער איצטיקער טומל מיט דעם אָנפאַל אויף הרב משה מרדכי פרידמאַן איז אין צוגאָב צו דעם

פאָרזעצונג אויף זייט 13

# סאטמארער חסידים זענען אויפגערעגט נאך דעם ווי א גרופע בחורים האבן צעשלאגן ראש ישיבה אין קרית יואל

פאַרזעצונג פון ערשטער זייט

רעש, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער סאַטמאַרער קהילה אַרום אַ שוחט און בודק, וואָס די רבנים האָבן אים מעביר געווען פון זיין אַמט. אָבער אַזוי ווי דער שוחט האָט געהעריקע פאַרבינדונגען האָט מען אים צוריק דערלויבט אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט אַלס שוחט ובודק. אַ גרופּע דיינים און רבנים פון פאַרשידענע קהילות האָבן גע'אסר'ט צו עסן דאָס פלייש פון דעם דאָזיקן שוחט. דאָס האָט געפירט צו אַ ביטערן סכסוך, און לצים אין סאַטמאַר ווילצלען זיך, אַז אַמזיכערסטן איז צו עסן די פיש פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, וואָס מען כאַפּט ביי די ברעגן פון מיאַמי ביטש, היות די פיש האָבן אַ משגיח תמידי...

אינפאָרמירטע סאַטמאַרער קרייזן, וואָס שטייען נאָענט צום סאַטמאַרער רבי'ן, האָבן געלאָזט וויסן דעם "אַלגעמיינעם זשורנאַל", אַז דער גאַנצער טומל אַרום דעם שוחט און אַרום דאָס שלאָגן פון ר' משה מרדכי פרידמאַן איז נישט מער ווי אַ "פּראָוואָקאַציע" פון די שונאים פון סאַטמאַרער רבי'ן, וועלכע זוכן פונאַנדערצופלאַקערן אַ מחלוקת. זיי האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז דער רב פון קרית יואל, הרב ר' אהרן טייטעלבוים, זון פון סאַטמאַרער רבי'ן, האָט שאַרף פאַרדאַמט די בחורים וואָס האָבן געשלאָגן הרב פרידמאַנ'ען.

הרב משה מרדכי פרידמאַן אַליין איז נישט צוגעקומען צום טעלעפאָן ווען אַ רעפּאָרטער פון "אַלגעמיינעם זשורנאַל" האָט אים טעלעפאָנירט אין קרית יואל. אַ פרויען־שטימע האָט געענטפערט דעם טעלעפאָן און דאַן געלאָזט וואַרטן דעם רעפּאָרטער אַ לענגערע ווילע.

פריינט פון הרב פרידמאַן האָבן באַריכטעט, אַז ער איז 32 יאָר אַלט און איז אַ גרויסער תלמיד חכם. זיין "חטא" באַשטייט אין דעם וואָס ער האָט געעפנט אַן אייגענע ישיבה פון בחורים, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן לערנען און נישט פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק... אָדער אַרומדרייען זיך ליידיק. נאָך אַ "חטא" זיינער איז דאָס וואָס ער איז געווען פון די ערשטע תלמידים אין דעם כולל, וואָס די אַלטע סאַטמאַרער רביצין, הרבנית אַלטע פייגע טייטעלבוים, האָט אויפגעשטעלט. — אַזוי טענה'ן הרב פרידמאַנ'ס פריינט. זיינע קעגנער זאָגן, אַז ער האָט "כשר פאַרדינט די קלעפּ..." הרב פרידמאַן אַליין איז, ווי געזאָגט, נישט צוגעקומען צום טעלעפאָן ווען מיר האָבן אים טעלעפאָנירט.

ווי באַקאַנט הערשט אַ שטרייט צווישן דער אַלטער סאַטמאַרער רביצין און דער איצטיקער אַדמיניסטראַציע פון דער סאַטמאַרער קהילה.